**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די פארענדיגונג פון 576-יוניט עפארדעבל האוזינג דעוועלאפמענט אין ברוקלין**

***387 מיליאן דאלאר דיוועלעפמענט איז א טייל פון די סטעיט'ס אויפגעלעבטע ברוקלין איניציאטיוו צו אדרעסירן געזונט און עקאנאמישע אומגלייכהייטן אין צענטראלע ברוקלין***

גאווערנער (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די פארענדיגונג פון Alafia פאזע 1, א 387 מיליאן געמישטע באנוץ דיוועלאפמענט וועלכע וועט שפאן 576 צוגענגליכע היימען אין די מזרח ניו יארק געגענט פון ברוקלין. די פראיעקט איז די ערשטע פאזע פון א זעקס-פאזע פלאן צו ווידער אנטוויקלען די געוועזענע Brooklyn Developmental Center קאמפוס אין א מער ווי 2,400 צוגענגליכע וואוינונגען און איז א טייל פון די סטעיט'ס אויפגעלעבטע ברוקלין איניציאטיוו (Vital Brooklyn Initiative) - א גרונטליכע געמיינדע אנטוויקלונג פראגראם אויסגעשטעלט צו אדרעסירן געזעלשאפט, עקאנאמישע און געזונטהייט אומגלייכהייטן אין צענטראלע ברוקלין. אונטער גאווערנאר Hochul's (האקול) פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג ( New York State Homes and Community Renewal) געשאפן אדער באשיצט מער פון 10,000 צוגענגליכע וואוינונגען דורכאויס ברוקלין. Alafia פאזע 1 גייט ווייטער מיט די באמיאונג און געבט צו צו גאווארנער Hochul's (האקול) 25 ביליאן דאלאר פינף-יאר האוזינג פלאן, וואס האלט אויף א וועג צו שאפן אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען לענגאויס דעם סטעיט.

"די Alafia דיוועלאפמענט איז א מאכטפולע ביישפיל איבער וויאזוי אונז קענען טראנספארמירן אינטערבאנוצטע סטעיט-אייגענטום לאנד צו שאפן וויבראנטע, געזונטע געמיינדעס," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך קאמבינירן צוגענגליכע וואוינונגען, בייהילפיגע סערוויסעס און הויער-קוואליטעט העלט קעיר אין איין נאכהאלטיגע דיוועלאפמענט, טוהן אונז צשטעלן די סארט האליסטישע אינוועסטירונגען וועלכע צענטראלע ברוקלין פארדינט. די 576 נייע וואוינונגען שפיגלען אפ אונזער פארפליכטונג צו פאראויסרוקן געזונטהייט גלייכהייט, פארברייטערן וואוינונג געלעגנהייטן און בויען א שטערקערער און מער שטאנדהאפטיגע ברוקלין פאר גענעראציעס צו קומען."

Alafia פאזע 1 איז געבויט געווארן אויפן ארט פון די Brooklyn Developmental Center, א געוועזענע סטעיט אינסטיטוציע פאר אינדיווידואלן מיט דיסאביליטיס. אלץ טייל פון די אויפגעלעבטע ברוקלין איניציאטיוו, עס קאמבינירט וואוינונגען, געזונטהייט און עקאנאמישע בענעפיטן פאר די ארומיגע געמיינדע. די דיוועלאפמענט פארברייטערט צוטריט צו פארמיידבארער העלט קעיר מיט א 15,000-קוואדראט-פוס One Brooklyn Health אוטפאציענט קלינק וועלכע שטעלט צו פריימערי און ספעציאליטעט באהאנדלונג, בלוט-ארויסציונג און אינפיוזיע סערוויסעס, אן אויפן-פלאץ לעב און אן אפעטייק. די קליניק'ס אויסשטעל און פראגראמירונג זענען געפארמעט געווארן דורךברייטע געמיינדע אריינעמונג צו פארזיכערן אז סערוויסעס קומען נאך די ספעציפישע געברויכן פון די לאקאלע איינוואוינער.

די גענצלעך-עלעקטריק דיוועלאפמענט נעמט אריין א מיקרא-גריד, געאוטערמאל סיסטעם פאר הייצונג און קילונג, אויפן דאך סאלאר, אפלויף וואסער הוץ צוריקכאפונג סיסטעם, א גרינע דאך שטעטישע פארם, אויפן-פלאץ קאמפאסטער און ענערגיע סטאר עפלייענסעס. די אינסטאלאציעס נידערן יוטיליטי קאסטן, פארמינערן ענערגיע געברויך און פארבעסערן אינעווייניגע לופט קוואליטעט. עס איז אויך דא 7,800 קוואדראט-פוס פון ריטעיל פלאץ פאר קליינע לאקאלע ביזנעסער אריינגערעכנט א סופערמארקעט, פארבעסערענדיג די געמיינדע'ס עקאנאמיע און צוטריט צו פרישע עסן.

אלע אפארטמענטס זענען פארהאנען פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 80 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם.

די דיוועלאפמענט נעמט אריין 132 בייהילפיגע אפארטמענטס רעזערווירט פאר בארעכטיגטע אינדיווידואלן מיט גייסטישע קראנקהייט אדער אינדיווידואלן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס. אויפן-פלאץ בייהילפיגע סערוויסעס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך Services for the UnderServed און וועט אריינעמען באהאנדלונג קאארדינאציע, טעגליכע לעבן פעיגקייטן טרענירונג, געזונטהייט און וואוילזיין קאוטשינג, באשעפטיגונג הילף און געמיינדע באזירטע געזונטהייט סערוויסעס.

די דעוועלאפמענט רעכנט אויך אריין יוניטס וועלכע זענען צוגענגליך און אויסגעשטאט ספעציעל פאר מענטשן מיט באוועגונג באגרעניצונגען, און אזוי אויך הער-קראפט און זעה-קראפט באגרעניצונגען.

די פראיעקט איז אנטוויקלט דורך L+M Development Partners, Services for the UnderServed, Apex Building Group, און RiseBoro.

סטעיט פינאנצירונג פאר Alafia פאזע 1 נעמט אריין $38.1 מיליאן אין פערמענאנטע שטייער-באפרייטע באנדס, פעדעראלע נידריג-אינקאם וואוינונג שטייער קרעדיטס וועלכע וועט אויפטרייבן 117.8 מיליאן אין עקוויטי פון די פריוואטע סעקטאר און 174.9 מיליאן אין הילף פון ניו יארק סטעיט וואוינונגען און געמיינדע באנייונג'ס נייע אויפבוי פראגראם און געמיינדע אינוועסטמענט פאנד ( New Construction Program and Community Investment Fund). די דיוועלאפמענט טוט אויך בענעפיטירן פון $946,000 דאלאר פון די ריינע ענערגיע איניציאטיוו פאנדינג, א צוזאמארבעט צווישן HCR מיט די ניו יארק סטעיט ענערגיע ריסורטש און דעוועלאפמענט אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA). NYSERDA האט אויך צוגעשטעלט איבער $850,000 אין שטיצע פאר אויפן דאך סאלאר דורך די סטעיט'ס NY-Sun איניציאטיוו. די פראיעקט איז אויך ערווארטעט צו קוואליפיצירן פאר פעדעראלע סאלאר און געאטערמאלע שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן אויפטרייבן $670,000 אין עקוויטי. די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ( Office of Mental Health, OMH) טוט צושטעלן $430,000 אין א פראגראם אנטוויקלונג גרענט. פינאנצירונג פאר די אנגעייענדע אויפהאלטונג פון די סופארטיוו יונטיס ווערט צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( New York State Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD) אזוי אויך פינאנצירט דורך די עמפייער סטעיט סופארטיוו האוזינג איניציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative), אנגעפירט דורך OMH. די פראיעקט'ס סייט פלעגט געהערט צו די דארמיטארי אוטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק ( Dormitory Authority of the State of New York) און איז געווארן אפגעקויפט דורך די דיוועלאפער.

אין 2018, עמפייר סטעיט דיוועלאפער, אין מיטארבעט מיט ניו יארק סטעיט הייםען און געמיינדע באנייונג, האט ארויסגעגעבן א פארלאנג פאר פארשלאגן צו ווידער דיוועלאפען די Brooklyn Developmental Center קאמפוס אין מזרח ניו יארק אין א מאדערנע, געמישטע-באנוץ וואוילזיין-אריענטירטע געמיינדע. ESD האט אויסגעפירט די פארשאפונג פראצעס דורך איר אלגעמיינע פראיעקט

פלאן, ענדגיליטיג אויסוועלענדיג א דיוועלאפמענט שטאב וועלכע באשטייט פון Apex Building Company, L+M Development Partners, Services for the UnderServed, און RiseBoro Community Partnership. די מעסטער פלאן פון די זעקס-פאזע ווידער דיוועלאפמענט איז אויסגעשטעלט געווארן דורך Dattner Architects.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייונג קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רותענע וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "די ערשטע פאזע פון Alfafia פארפולקומט די צוזאג פון די אויפגעלעבטע ברוקלין איניציאטיוו דורך צוזאמענברענגען צוגענגליכע וואוינונג, בייהילפיגע סערוויסעס, העלט קעיר און נאכהאלטיגקייט אין איין גוט דורכגעטראכטע פלאנירטע געמיינדע. די דיוועלאפמענט שפיגלט אפ יארן פון פארבינדדונג מיט לאקאלע איינוואוינער און א מיטגעטיילטע וויזיע פאר א מער געזונטע, מער אייניגע מזרח ניו יארק. אונז זענען דאנקבאר פאר אונזער מיטארבעטער ביי OMH, OPWDD, One Brooklyn Health און די גאנצע דיוועלאפמענט טיעם פאר זייער פארפליכטונג צו די טראנספארמאטיווע פראיעקט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון מענטעל העלט קאמישענער Dr. Ann Sullivan (דר. אנן סאליוואן) האט געזאגט,** "די פאזע פון די Alfafia פראיעקט טוט צושטעלן פארזיכערטע, צוגענגליכע היימען פאר אינדיווידואלן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט צוזאמען מיט די בייהילפיגע סערוויסעס אויסגעשטעלט צו פארזיכערן אז זיי לעבן און בליען אין זייער געמיינדע. די פארענדיגונג פון די פראיעקט שפיגלט אפ גאווערנער Hochul (האקול'ס) אנגייענדע שטיצע פאר פראגראמען ווי די עמפייער סטעיט שטיצענדע האוזינג איניציאטיוו, וועלכע טוהן פארברייטערן שטיצענדע וואוינונגען איבערן סטעיט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס קאמיסיאנער Willow Baer (ווילא באער) האט געזאגט,** "די טראנספארמאציע אונז האבן געקענט ערגרייכען ביי די געוועזענע Brooklyn Developmental Center רוקט ניו יארק פון א צייט פון איינשפארן מענטשן אין אינסטיטוציעס צו די פרייהייט פון זעלבסטשטענדיגע לעבן וועלכע Alfafia וועט צושטעלן. דעס איז א צייכען פון די פארשריט געמאכט איבער די פארגאנגענע פופציג יאר צו אריינעמען ניו יארקער מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס אלץ ריספעקטירטע און ווערדפולע מיטגלידער פון אונזער געמיינדעס. א דאנק אייך צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן פארזצען צו שאפן די געלעגענהייטן פאר צוגענגליכע און פארזיכערטע וואוינונגן וועלכע ערלויבט מענטשן צו לעבן מיט עהרע און ציל."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט טוט העלפן טראנספארמירן די וועג געביידעס ווערן אויפגעבויט דורך באלוינען די באנוץ פון די לעצטיגע ענערגיע עפיציענץ און עלעקטריפיקאציע טעכנעלאגיעס. NYSERDA איז שטאלץ צו שטיצן די גענצליך-עלעקטריק Alfafia פאזע 1 צוגענגליכע וואוינונג דיוועלאפמענט, וועלכע שטעלט צו א געזונטע, מאדערנע לעבן איבערלעבעניש פאר איינוואוינער אין ברוקלין ווען צו די זעלבע צייט אויך צוגעבענדיג צו די סטעיט'ס אייניגקייט אריבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "אינטער גאווערנער Hochul'o (האקול) פירערשאפט, טוהן אונז אויפווייזן אז צוגענגליכע וואוינונג דיוועלאפמענטס קענען זיין די אורזאך פאר גענצליךכע געמיינדע טראנספארמאציע. Alfafia פאזע 1 שטעלט צו 576 נייע וואוינונגען צוזאמען מיט וויכטיגע העלט סערוויסעס און נאכהאלטיגע איינצלהייטן - די סארט פון האליסטישע אינוועסטירונג וועלכע פארשטערקערט געגענטער און שאפט דויערהאפטיגע געלעגענהייט. עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט איז שטאלץ צו שטיצן די אויפגעלעבטע ברוקלין איניציאטיוו פראיעקט, וועלכע אדרעסירט לאנג-שטייענדע אומגלייכקייטן און בויעט א מער אייניגע צוקונפט פאר צענטראלע ברוקלין."

**סענאטאר Kirsten Gillibrand (קירסטען דשיליברענד) האט געזאגט,** "אלע ניו יארקער פארדינען צוטריט צו פארזיכערטע און באשיצטע וואוינונג, אבער פאר פול צו לאנג, צוגענגליכע וואוינונג אפיצעס זענען געווען זעלטן איבערן גרויס טיילן פונעם שטאט. די Alafia וואוינונג דיווועלאפמענט שאפט שטארק-געדארפטע נייע וואוינונגען, העלט קעיר, און בייהילפיגע סערוויסעס אין ברוקלין און וועט העלפן פארשטערקערן די לאקאלע געמיינדע. איך בין שטאלץ צו שטיצן די פראיעקט, און איך וועל ווייטער שטיפן צו ברענגן פעדעראלע דאללערס צוריק אהיים צו ניו יארק צו שטיצן אזעלכע סארט פראיעקטן."

**הויז דעמאקראטישע פירער Hakeem Jeffries (האקים דשעפריעס) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר פארפליכטונג צו אדרעסירן די צוגענגליכקייט קריזיס וועלכע טוט פארזעצן צו פארניכטן ניו יארקער, אין די צייט וואס Donald Trump (דאנאלד טראמפ) און הויז ריפאבליקאנער טוהן אפטרעטן פון זייער פליכט צו אראפברענגן קאסטן. די שאפונג פון 576 צוגענגליכע וואוינונגען, העלטקעיר איינריכטונגען און צוטריט צו געזונטע עסן אין די Alafia פאזע 1 דיווועלאפמענט זענען א טראנספארמירענדע אינוועסטירונג אין בויען א בליענדע מזרח ניו יארק. איך קוק זייער פאראויס צו די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט און איר צוקונפטיגע שטאפלן צו פארזיכערן מער מענטשן קענען ערלויבן צו פארבלייבן אין די בעסטע שטאט אין די וועלט."

**סטעיט סענאטאר Roxanne J. Persaud (ראקסאנע דש. פערסאוד) האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון Alafia פאזע 1 איז א גרויסע טריט פאראויס פאר מזרח ניו יארק און אונזער גאנצע געמיינדע, צושטעלענדיג שטארק-געדארפטע צוגענגליכע וואוינונגען, וויכטיגע העלט סערוויסעס און עכטע עקאנאמישע געלעגענהייט וואו עס איז געדארפט דאס מערסטע. א דאנק צו גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און די מיטארבעטער וועלכע זענען אינוועסטירט אין פארברייטערן צוטריט צו קוואליטעט וואוינונג, שטיצענדיג געמיינדע געטריבענע לעזונגען און אינוועסטירן אין די געזונט און וואוילזיין פון אונזער איינוואוינער."

**ברוקלין בארא פרעזידענט Antonio Reynoso (אנטאניא רעינאסא) האט געזאגט,** "Alafia איז א וויכטיגע אינוועסטירונג פאר מזרח ניו יארק - צוגענגליכע וואוינונגען, קוואליטעט העלטקעיר און געלעגענהייט אלעס אין איין פלאץ. מיט די פארענדיגונג פון פאזע 1 ברענגענדיג צוגענגליכע וואוינונגען פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און גרינע ענערגיע צו שטיצן נידריג און צוגענגליך יוטיליטי קאסן, Alafia שטרעבט צו נאכקומען די געברויכן פון ברוקליאנער אין א באדייטענדע וועג. איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פארן פריאריטיזירן א פראיעקט וועלכע לייגט פאמיליעס ערשט און אונזער געמיינדע מיטארבעטער וועלכע בויען מיט די געמיינדע אין קאפ."

**ניו יארק סיטי קאונסילמעמבער (קריס בענקס) האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון Alafia פאזע 1 איז א שטארקע געווינס פאר מזרח ניו יארק און א מאכטפולעביישפיל איבער וואס דיווועלאפמענט זאל אויסקוקן ווי ווען אונז לייגן א געמיינדע'ס געברויכן ערשט. פאר צענדליגע יארן האט די ארט סימבאליזירט איזאלאציע און דיסאינוועסטירונג - אבער היינט, טוט עס רעפריזענטירן געלעגענהייט, געזונט און צוגענגליכקייט פאר די פאמיליעס וועלכע רופן די געגענט היים. אלץ קאונסיל מיטגליד פאר די 42טע דיסטריקט, בין איך שטאלץ צו זעהן א פראיעקט וועלכע ברענגט מער ווי 570 צוגענגליכע היימען, א פול-סערוויס העלטקעיר קליניק, שטיצענדע וואוינונגען און גרינע, נאכהאלטיגע אינפראסטרוקטור דירעקט אין א געמיינדע וועלכע איז שוין לאנג געווארן פארקוקט. דאס איז די סארט טויש אונזער איינוואוינער פארדינען. אונז פארדינען וויאוינונג וועלכע איז פול מיט עהרע, שטארק צוגענגליך, ענווייראמענטאל פאראנטווארטליך און געבויט מיט די פארשטאנד אז סטאביליטעט און וואוילזיין גייען האנט ביי האנט. Alafia שפיגלט אפ אונזער מיטגעטיילטע פארפליכטונג צו אדרעסירן די וואוינונג קריזיס, פארברייטערענדיג צוטריט צו פארמיידענדע העלטקעיר און שאפענדיג א שטערקערער, געזונטערער, צוקונפט פאר מזרח ניו יארק. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די סטעיט, די דיוועלאפמענט

שטאב און - מערסט וויכטיג - אונזער געמיינדע, צו פארזיכערן אז די קומעדיגע פאזעס פון די פראיעקט שטעלן צו די זעלבע שטאלפן פון קעיר, אינאוואציע און אייניגקייט פאר די מענטשן פון די דיסטריקט."

**Services for the UnderServed פרעזידענט און CEO Perry Perlmutter (פערי פערלמוטער) האט געזאגט,** "Alafia רעפריזענטירט א צוזאג געמאכט צו צושטעלן פאר ניו יארקער נישט נאר מיט וואוינונגען, נאר מיט געלעגענהייט, עהרע און א גרונטשטיין פאר געזונטערער לעבענס. מיט די עפענונג פון פאזע 1, הונדערטע אינדיווידואלן און פאמיליעס וועלכע האבן א פארזיכערטע סטאבילע היים געבויט צו די העכסטע נאכהאלטיגקייט סטאנדארטן, און צוטריט צו אויפן ארט העלטקעיר און געמיינדע אמעניטיס. דאס איז וואס עס מיינט צו בויען פאר די צוקונפט."

**Lisa Gomez L+M Development Partners CEO (ליזא גאמעז) האט געזאגט,** "היינט טוהן אונז פייערן די עפענונג פון די ערשטע פאזע פון Alafia, אן אייגענארטיגע געמיינדע וועלכע וועט דינען אלץ א ביישפיל פאר וויאזוי צוגענגליכע וואוינונגען זאלן געבויט ווערן, מיט נאכהאלטיגקייט טרייבענדיג די אויסשטעל פון די אנהייב.
אונז זענען שטאלץ צו זעהן דעם וויזיע קומעדיג צום לעבן און ווערן א היים פאר די אין די געמיינדע וועלכע דארפן עס דאס מערסטע, מיט אן אויג צו פארבעסערן געזונטהייט אויסקומען און האלטענדיג געמיינדעס צוזאמען. א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און צו אונזער מיטארבעטער פארן לייגן דעם פראיעקט אריבער די ענדע."

**Lee Brathwaite Apex Building Group CEO (ליי בראטוואיט) האט געזאגט,** " Apex Building Group איז שטאלץ צו פיעירן די ריבאן שניידונג פון Alafia'ס ערשטע פאזע, א טראנספארמירענדע אינוועסטירונג אין מזרח ברוקלין'ס צוקונפט. אונז גלייבן אז הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע וואוינונג און וויבראנטע, געזונטע געגענטער גיין האנט ביי האנט. ארבעטענדיג זייט ביי זייט מיט אלע פון אונזער מיטארבעטער און געמיינדע סטעיקהאלדערס, האבן אונז צוגעשטעלט צוגענגליכע וואוינונגען וועלכע פראמאטירן א געמיינדע פון וואוילזיין ווען שאפענדיג נייע געלעגענהייטן פאר די פאמיליעס וועלככע וואוינען דא היינט און פאר גענעראציעס צו קומען."

**Kieran Harrington RiseBoro Community Partnership CEO (קיריען הערינגטאן) האט געזאגט"** ביי RiseBoro, גלייבן אונז אז א היים איז מער ווי פיר ווענט - עס איז צוטריט צו באהאנדלונג, געלעגענהייט און געמיינדע. Alafia פארקערפערט די וויזיע. דורך צאמשטעלן בייהילפיגע סערוויסעס, העלט קעיר, גרינע פלאץ און נאכהאלטיגע אויסשטעל, די פראיעקט שטעלט צו פאר איינוואוינער די סטאביליטעט זיי פארדינען און שאפט די באדינגונגען פאר א בליענדע געמיינדע. אונז זענען שטאלץ צו זיך מיטשטעלן מיט אונזער מיטארבעטער אין ברענגען די טראנספארמירענדע מאדעל צו אויפהייבן מזרח ניו יארק'ס פאמיליעס היינט און פאר גענעראציעס צו קומען."

**Sandra Scott, MD One Brooklyn Health CEO (סאנדרא סאקט) האט געזאגט,** "די צאמארבעט מיט Alafia טוט ביישפילן וויאזוי געזונט, וואוינונג און עקאנאמישע געלעגענהייט קען צוזאמקומען צו בויען שטערקערער געזונטערע געמיינדעס. עס איז א מאדעל פאר וויאזוי אונז קענען איבערטראכטן פובליק אינוועסטירונג צו שאפן דויערהאפטיגע טויש אין די לעבענס פון ניו יארקער."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און

היים אייגנטימער. ארויפבויענדיג אויף די פארפליכטונג, רעכנט די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026 אריין מער פון 1.5 ביליאן דאלאר אין נייע סטעיט פינאנצירונג פאר האוזינג, א פראבע פראגראם פון 'האוזינג צוטריט וואַוטשערס' (Housing Access Vouchers) און נייע פאליסיס צו פארמערן אפארדעביליטי פאר טענאנטס און מענטשן וואס קויפן א היים. די מאסנאמען ערגענצן די גאווערנער'ס פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן, וואס איז אריינגערעכנט געווארן אין די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 70,000 זענען שוין ביז היינט געבויעט אדער באשיצט געווארן.

די דורכגעפירטע בודזשעטס פאר פיסקאלע יאר 2025 און 2026 האבן אויך פארשטערקערט די גאווערנער'ס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי (Pro-Housing Community) פראגראם — וואס ערלויבט פאר סערטיפייד לאקאליטעטן צו באקומען אויסשליסליכע צוטריט צו ביז אזויפיל ווי 750 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וואס די סטעיט רעגירונג פארטיילט לויט איר שיקול הדעת. ווי מען האלט יעצט, האבן מער ווי 380 קאמיוניטיס באקומען פראו-האויזינג באשטעטיגונג, אריינגערעכנט ניו יארק סיטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן